# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו



## דורש טוב

**זאת חקת התורה אשר צוה ה' לאמור:**

דער הייליגער **עצי חיים** זי"ע פרעגט: לכאורה וואלט געדארפט שטיין "**זאת חקת הפרה**"? אויך זענען די ווערטער "אשר צוה ה' לאמור" איבריג?

נאר עס איז ידוע אז צו א יעדע מצוה וואס השי"ת האט געהייסן דארף א מענטש שטענדיג גלוסטן "ווען וועל איך שוין האבן די זכיה מקיים צו זיין די מצוה?", אבער דא ביי די מצוה פון פרה אדומה איז נישט אזוי, ווייל די מצוה איז נאר שייך ווען א איד איז טמא געווארן צו א מת, האט דאך געמוזט פאסירט א נישט גוטע זאך אז א איד איז געשטארבן, און די גמרא זאגט אז א מענטש שטארבט נאר צוליב עבירות, קומט אויס אז מ'קען נישט בעטן צו קענען מקיים צו זיין די מצוה.

דאס איז פשט אין פסוק: **זאת חקת** די הלכה פון פרה אדומה, **התורה** איז נאר צום לערנען, **אשר צוה ה' לאמור**, דער אויבערשטער האט דאס באפוילן אז מען זאל עס נאר מקיים זיין מיטן מויל, נישט במעשה.

❀ ❀ ❀

**זאת חוקת התורה ויקחו אליך פרה אדומה תמימה:** זאגט רש"י **לפי שהשטן והאומה"ע מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה לפיכך כתב בה חוקה.**

## ידיעות פון די וואך

### ו' חוקת – דא גזירת אורייתא!

דער טאג עש"ק חקת איז א יום תענית ותפלה, כתקנת חכמינו ז"ל.

אין **שיבולי הלקט** (הל' תענית סי' רס"ג) ווערט געברענגט, אז אין זיינע צייטן האט פאסירט אז ערב שב"ק פר' חוקת האט מען אין צרפת פארברענט 24 וועגענער מיט כתבי יד פון ספרי התלמוד, די רבנים וגדולי ישראל פון יענעם דור האבן אנגעפרעגט א שאלת חלום פארוואס עס איז נגזר געווארן אזא ביטערע גזירה, איז געקומען די תשובה "**ודא בגזירת אורייתא**" וואס דאס איז דער לשון פון תרגום אונקלוס אויף די ווערטער "**זאת חוקת התורה**".

פון יענעם יאר און ווייטער האבן זיי קובע געווען א יום תענית צו פאסטן יעדעס יאר אין ערב שבת פר' חוקת עכ"ד.

דער **מגן אברהם** ברענגט אז די מעשה האט פאסירט בשנת ה' אלפים ד' לבריאת העולם, וואס דעמאלטס איז אויסגעפאלן ו' חקת אום ט' תמוז, וואס דאס איז דער טאג וואס די חומת ירושלים איז איינגעבראכן געווארן ביים חורבן פונעם

ערשטן ביהמ"ק, פונדעסטוועגן האט מען דעם יום תענית קובע געווען אינעם טאג פון די וואך, און נישט אינעם טאג פון חודש ווי אנדערע תעניתים, כדי עס זאל זיין אין די וואך פון פרשת חוקת וואס שטייט **"דא גזירת אורייתא"**.

אויף דעם ביטערן אומגליק האט דער **מהר"ם מרוטענבורג זצ"ל** פארפאסט די קינה **"שאלי שרופה באש"** וואס מען זאגט תשעה באב, ווי עס ווערט קלאר דערמאנט דעם אומגליק.

אין א בריוו פונעם **מסילת ישרים** (ר' משה חיים לוצאטו זצ"ל) דערציילט ער איבער א אנדערע גזירה וואס האט פאסירט אין דעם טאג מיט הונדערטער יאר שפעטער אין זיינע צייטן, און ער איז דאס אויך תולה אין די ווערטער פונעם תרגום **"דא גזירת אורייתא"**.

דער ש"ך האט פארפאסט א ספר מגילת עפה, ווי ער קלאגט אויף די ביטערע גזירות פון ת"ח ות"ט, דערציילט ער דארט אז אום ו' חוקת זענען חרוב געווארן צוויי גרויסע קהילות וואס זענען אפגעריקט געווען איינע פון די אנדערע 70 פרסאות, און ער לייגט דאס אריין אינעם פסוק אין די סדרה "וישכו את העם וימת עם רב מישראל.

אזוי אויך ווערט דערמאנט מערערע צרות ל"ע וואס האבן אין דעם טאג פאסירט אין די שפעטערדיגע דורות. וואס וועגן דעם פירט מען זיך אין מערערע מקומות אז מען האלט דעם טאג פאר א יום תענית ותפילה.

**ויהי רצון שהימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה**

עס קען זיין דער פשט אין די רש"י בהקדם וואס די גמרא זאגט אין מס' בבא בתרא (דף קכ"ג ע"א) אויפן פסוק **וירא ה' כי שנואה לאה**, פרעגט די גמרא **אפשר בגנות בהמה טמאה לא דבר הכתוב בגנות לאה דבר הכתוב**, ווי אזוי קען זיין אז די תורה וואס איז אזוי געווארענט נישט אנצורופן מיט א אומאיידעלע אויסדריק ניטאמאל א בהמה טמאה, זאל אנרופן לאה די צדיקת מיטן נאמען 'שנואה', ענטפערט די גמרא, **אלא ראה הקב"ה ששנואין מעשה עשו בפני'**, דער אייבערשטער האט געזען אז זי האט פיינט די מעשים פון עשו.

פרעגט אויף דעם דער **מהרש"א** אז אין פסוק זעט נישט אזוי אויס אז דאס איז דער טייטש, ווייל '**שנואה לאה**' מיינט אז לאה איז געווען פארפיינטעט, און נישט אז זי האט פיינט געהאט עשו, און די ווארט שנואה איז א שטארקע בזיון פאר לאה אמנו.

ענטפערט דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** א מורא'דיגער תירוץ, אז די סיבה פארוואס לאה איז געווען א פארפיינטע איז געווען ווייל זי האט פיינט געהאט עשו הרשע, און זי האט נישט געוואלט מיט אים חתונה האבן, און ווייל זי איז געווען אזא פרומע האבן איר אלע רשעים פיינט געהאט, און דאס איז נישט קיין בזיון פאר א מענטש, נאר פונקט פארקערט, דאס איז דער גרעסטער שבח פאר א מענטש אז די רשעים האבן אים פיינט ווייל ער האט זיי פיינט.

דאס ענטפערט די גמרא, מאי שנואה, ווייסטו פארוואס די תורה רופט אן לאה אמנו שנואה, אפילו דאס איז א בזיון, **ששנואין מעשי עשו בפני'**, די סיבה פארוואס זי איז געווען א שנואה איז געווען ווייל זי האט פיינט געהאט עשו מיט די רשעים, אויב אזוי איז דאס דער גרעסטער שבח פאר לאה איז די רשעים האבן איר וועגן דעם פיינט געהאט.

מיט דעם טייטשט **כ"ק מרן רבינו שליט"א** אין די וואכענדיגע סדרה, ווייל עס איז באקאנט אז די תורה הקדושה

מוז מען לערנען על טהרת הקודש, און מען טאר נישט נהנה זיין פון די רשעים, אדרבא א תורה וואס די רשעים האבן ליב און זיי שטיצן דאס מיט געלט איז א סימן אז עס טויג נישט, און מען מוז שטיין ווייט דערפון, דער סימן אויף די אמת'ע תורה און אויף די אמת'ע ערליכע אידן איז נאר ווען מען זעט אז די רשעים און עוקרי הדת האבן דאס פיינט, דאס איז די ריכטיגע תורה.

דאס זאגט דער פסוק: **זאת חוקת התורה**, דאס איז דער חק פון די תורה, וואס עס הייסט א ריכטיגע ערליכע תורה, דוקא אויב **שהשטן ואמוה"ע מונין את ישראל**, אויב די סטרא אחרא און די רשעים טשעפענען דאס, זיי האבן דאס פיינט און קענען דאס נישט פארטראגן, דאס הייסט א ריכטיגע תורה, אבער אזא תורה וואס די רשעים האבן ליב און שטיצן דאס, איז גארנישט ווערט (תמוז תשנ"ד בארה"ק).

# מעשה רב

ווען דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז נאך געווען א יונגערמאן נאך די חתונה (נאך איידער ער איז געווארן רב אין ארשיווע) האט ער געוואוינט אין די שטאט סאטמאר, און ער האט דארט געהאט אן אייגן בית המדרש.

איינמאל איז געקומען קיין סאטמאר אויף שבת פרשת חוקת **הגה"ק רבי אברהם שלום האלבערשטאם** זי"ע דער **סטראפקוב'ער רבי**, א זון פונעם הייליגן **דברי יחזקאל משינאווע זי"ע**, און ער האט געוואלט דאווענען אינעם רבי'נס בית המדרש, אבער זיינע חסידים האבן גע'טענה'עט אז ער זאל ענדערש גיין דאווענען אינעם גרויסן שטאטישן שוהל וואו עס דאווענט א ריזיגער ציבור און זיי וועלן אים קענען שטיצן מיט געלט, ווי איידער צו דאווענען אין א קליין בית המדרש'ל, אבער דער סטראפקוב'ער רב האט בשום אופן נישט געוואלט.

האבן דעם סטראפקוב'ער רב'ס חסידים זיך געווענדן צום רבי'ן און געבעטן אז דער רבי זאל מסביר זיין פארן סטראפקובער רב אז פאר די סיבה צו וואס ער איז געקומען קיין סאטמאר איז בעסער אז ער זאל דאווענען אינעם גרויסן בית המדרש, דער סטראפקוב'ער רב האט מסכים געווען, אבער ער האט זיך אויסגענומען אז די טישן וויל ער יא פירן ביים רבי'נס בית המדרש.

וכך הוה, פרייטאג צו נאכטס האט דער סטראפקוב'ער רב געפירט טיש ביים רבי'נס בית המדרש, און א ריזיגער עולם האט זיך דארט באטייליגט און מיטגעהאלטן דעם טיש, פארן בענטשן האט דער רבי מכבד געווען דעם סטראפקובער רב אז ער זאל זאגן תורה, אבער דער סטראפקוב'ער רב האט נישט געוואלט זאגן תורה, זאגענדיג אז זיין טאטע דער שינאווער רב זי"ע האט נישט געזאגט קיין תורה ביים טיש

נאר אויב מען האט אים מגלה געווען פון הימל אז ער זאל זאגן.

ביי שלש סעודות האט אים דער רבי נאכאמאל מכבד געווען צו זאגן תורה, האט דער סטראפקוב'ער רב שארף געזאגט "עס שטייט אין פסוק **זאת חוקת התורה אשר צוה ה' לאמר**, קען מען טייטשן, **זאת חוקת התורה** דאס איז דער חק ביים זאגן תורה, **אשר צוה ה'** ווען דער אייבערשטער הייסט, **לאמר** דעמאלטס זאגט מען תורה, אבער אויב עס איז נישטא קיין ציווי ה' זאגט מען נישט קיין תורה!"...

האט זיך דער רבי זי"ע אנגערופן "איך קלער אז מ'קען טייטשן אנדערש, **זאת חוקת התורה, אשר צוה ה'** אויב ווען דורך דעם זאגן תורה ארויסקומען א התעוררות צו דינען דעם אייבערשטן, **לאמר**, דעמאלטס דארף מען יא זאגן תורה"...

האט זיך דער סטראפקובער רבי אנגערופן צום רבי'ן **"אויב אזוי זאלט איר זאגן תורה"**, אבער דער רבי האט נישט געוואלט זאגן מפני כבודו פונעם גרויסן גאסט, און ער

איז געבליבן שטיל. אבער דער סטראפקוב׳ער רב האט עטליכע מאל באפוילן און געבעטן אז דער רבי זאל זאגן תורה, ביז ער האט גוזאגט מיט א שארפן טאן אז ער באפעלט דעם רבי׳ן צו זאגן תורה, האט דעמאלטס דער רבי אנגעהויבן צו זאגן תורה כדרכו הקודש, וואס האט פארגאפט די אלע מענטשן וואס האבן דאס געהערט.

זייט דעמאלטס האבן צענדליגער חסיד׳ישע אידן פון סאטמאר אנגעהויבן צו קומען יעדע וואך שבת צום רבי׳נס טיש הערן זיינע הייליגע תורות.

# תורה פון הימל

דער איידעם פונעם רבי׳ן **רבי הערש מרימאנוב** זי״ע האט זיך אמאל גע׳חלומ׳ט אינמיטן די וואך פון פרשת חקת ווי ער געפונט זיך אויבן אין הימל, און ער זעהט ווי אסאך מענטשן לויפן, איז ער אויך מיטגעלאפן מיט זיי. ביז ווען מען איז אנגעקומען צו א גרויסן זאל, און ער האט דארט געזעהן ווי זיין שווער דער רבי ר׳ הערש גייט צום אויבנאן פון טיש און ער הייבט אן צו זינגען ״שלום עליכם״. און ער מאכט קידוש און ער פירט טיש כדרכו בקודש.

און דאן האט ער אנגעהויבן צו זאגן תורה אויפן פסוק ולקח אזוב וגו׳ האט ער געפרעגט פארוואס האט די צוויי ווערטער די טראפן א **קדמא ואזלא**? האט ער געענפערט אזוי: וויבאלד דער אזוב קומט דאך לערנען דעם מענטש אז וויבאלד זיין עיקר חסרון איז געווען וואס ער האט זיך גרויס געהאלטן, זאל ער זיך לערנען פונעם אזוב מידת עניוות. אבער לכאורה דארף מען פארשטיין, אויב איז דער מענטש אזוי ווייט געשלאגן אין מידת הגאות אז ער איז אזוי ביטער נענש געווארן, וואס קען אים שוין העלפן אביסל אזוב גראזלעך אז ער זאל זיך פון דעם לערנען עניוות?

נאר עניוות לערנט זיך א מענטש ווען ער טראכט אריין אין די ווערטער פון עקביא בן מהלאל ״**הסתכל בג׳ דברים ואי אתה בא לידי עבירה, מאין באת ולאן אתה הולך**״ ווען א מענטש איז זיך מתבונן פון וואו ער קומט און וואו ער גייט דאס צוברעכט אים און איז מבטל זיין גאות.

וועגן דעם האט די ווערטער ולקח **אזוב א קדמא ואזלא**, וואס איז טייטשט קדמא ער זאל זיך מתבונן זיין וואס איז געווען קודם ער איז געקומען אויף די וועלט, ואזלא און וואו ער וועט גיין ווייטער, דאס איז זיין תיקון. און ער האט זיך אויפגעוועקט פון שלאף, און פון גרויס וואונדער האט ער דאן דערציילט דעם וואונדערליכן חלום פאר עטליכע חסידים.

עס איז געקומען פרייטאג צונאכטס בשעת׳ן טיש פון רבי׳ן ר׳ הערש האט ער אנגעהויבן צו זאגן תורה, און ער האט גוזאגט אט די גאנצע תורה וואס דער איידעם האט שוין גע׳חלומ׳ט מיט עטליכע טעג צוריק, און די חסידים וואס האבן שוין געוואוסט די תורה פונעם איידעם האבן זיך אזוי געוואונקען איינער פארן צווייטן איבער די גרויסע וואונדער.

האט דער רבי ר׳ הערש געפרעגט וואס מען ווינקט זיך דארט האבן זיי געמוזט דערציילן אז דער איידעם האט זיי שוין גוזאגט די תורה אינמיטן די וואך, האט דער רבי ר׳ הערש גוזאגט ״איר מעגט דאס וויסן אז איך זאג נישט קיין שום תורה נאר דאס וואס מען איז פריער מסכים פון הימל.

**א גוטן שבת ראש חודש!**